בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט״א, שבת קודש פרשיות בלק, פנחס [השמטה לפר׳ קרח] שנת תשפ״ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע״א.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א. פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן, אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן לו.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה הָאבְּן מִיר דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן בִּלְעָם אוּן בָּלָק, בִּלְעָם הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ שֶׁעלְטְן דִי אִידְן אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל שֶׁעלְטְן, הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט פַאר בָּלָק: ״עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט טְשֶׁעפֶּען דִי אִידְן, עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַוֶועק שְׁלֶעפְּן אִידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען זֵיי הַרְגֶ׳עֶנֶען, ׳אֱלֹקֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ שׂוֹנֵא זִימָּה הוּא׳, דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן הָאט פַיינְט שְׁמוּץ, דֶערְפַאר אַז מֶען וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען צְווִישְׁן זֵיי שְׁמוּץ, מֶען וֶועט אַרָאפּ וַוארְפְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין עֲבֵירוֹת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי, וֶועט מֶען זֵיי קֶענֶען הַרְגֶ׳עֶנֶען!״

## אֱלֹקֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ שׂוֹנֵא זִימָּה הוּא

בִּלְעָם הָאט גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פַאר בָּלָק וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אִיבֶּער רֶעדְן דִי אִידְן צוּ זִינְדִיגְן, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כג) דִי טֶעכְטֶער פוּן מוֹאָב הָאבְּן פַארְקוֹיפְט פַאר בִּילִיג פְּלַאקְסֶענֶע קְלֵיידֶער, דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי אִידְן צוּ וֶוערְן בַּאקַאנְט מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן נָאנְט מִיט דִי מוֹאֲבִיּוֹת, הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן צוּ טְרִינְקֶען וַויין, דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ זִינְדִיגְן מִיט דִי מוֹאֲבִיּוֹת.

אוֹיךְ אִיז נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי, אַ גְרוֹיסֶער מְפֻרְסָם פוּן

אַסאךְ חֲסִידִים, זִמְרִי בֶּן סָלוּא, דֶער נְשִׂיא פוּן שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מִדְיָן׳יִשֶׁע מֵיידְל כָּזְבִּי בַּת צוּר, אוּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט אִיר.

זִמְרִי בֶּן סָלוּא הָאט אַייְנְגֶעזַאמְלְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין שֵׁבֶט, אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זַיין מִדְיָן׳יִשֶׁע פְרוֹי כָּזְבִּי בַּת צוּר צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה: ״מֶען מֶעג חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹי׳אִישׁ מֵיידְל?״ זָאגְט אִים מֹשֶׁה: ״נֵיין״.

## מִיט לֵיצָנוּת קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט: ״אוֹיבּ אִיז מַיין פְרוֹי כָּזְבִּי בַּת צוּר אָסוּר פַאר מִיר, ווייל זִי אִיז אַ מִדְיָנִית, דֶעמָאלְט פַארְוָואס הָאסְטוּ יָא גֶעמֶעגְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט צִפּוֹרָה, זִי אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ מִדְיָנִית?!״ - אֵיי דָאס אִיז דָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע טַעֲנָה, ווייל מֹשֶׁה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר פַאר מַתַּן תּוֹרָה, דֶעמָאלְט הָאבְּן אַלֶע אִידְן גֶעהַאט אַ דִין פוּן בְּנֵי נֹחַ, אוּן וֶוען מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אִיז צִפּוֹרָה אַרַיין גֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִי אַלֶע אִידְן, נָאר דָאס אִיז ׳לֵיצָנוּת׳! מִיט ׳לֵיצָנוּת׳ קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, דֶער לֵץ וֶועט ווייטֶער הַאלְטְן אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט.

## מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעלֵייְנְט קְרִיאַת שְׁמַע

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, ו): **״וְהֵמָּה בֹכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד״**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ שְׁטְרָאף עֶס קוּמְט זִיךְ פַאר אִים אוֹיף זַיין זִינְד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי צוּגֶעפִירְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז פַארְהוֹילְן גֶעוָוארְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, כְּדֵי פִּנְחָס זָאל אוֹיסְפִירְן דֶעם שְׁטְרָאף אוּן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם זַיין שְׂכַר, הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט בַּיי דֶעם עֶפֶענוּנְג פוּן דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד.

אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע תַּרְגוּם יוֹנָתָן בֶּן עוּזִיאֵל אוֹיף דֶעם פָּסוּק, עֶר זָאגְט: ״וְאִינוּן בַּכְיַין וְקַרְיַין שְׁמַע״, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעלֵייְנְט קְרִיאַת שְׁמַע.

# די עֵצָה פון לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע

אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ תּוֹרָה פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) ; דָאס אִיז אֵיינֶע פון דִי גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע תּוֹרוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, און אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט שׁוֹין דֶער זוֹהַר הַקּוֹדֶשׁ (וַיֵּשֶׁב קפח ע"א; וַיְחִי ריט.) אַז אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָא אֵיין וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ 'אֱמוּנָה', אוֹיב וֶועט עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר וֶועט זָאגְן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", און "בָּרוּךְ שֵׁם" וְגוֹ', וֶועט עֶר דוּרְךְ דִי 'אֱמוּנָה' אַרוֹיסְגֵיין פון דִי תַּאֲוָה.

# וֵויינֶען בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: דָאס אִיז גוּט פַאר אֵיינֶער וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פון צַייט צוּ צַייט, פַאר אִים אִיז גֶענוּג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִיז זַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה נָאר עֲבֵירוֹת; דָאס קוּמְט פון דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן, פַארְלִירְט עֶר זַיין מֹחַ, בִּיז זַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט נָאר פון עֲבֵירוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, - פַאר אַזַא אֵיינֶעם אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג צוּ זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע, אַזַא אֵיינֶער דַארְף וֵויינֶען וֶוען עֶר זָאגְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר דַארְף מוֹרִיד זַיין דְּמָעוֹת וֶוען עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע.

טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מִיט דֶעם אַרַיין דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק: "וְהֵמָּה בֹכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוֵויינְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן, און דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע; וַוייל עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גֶעפֶערְלִיכֶע נִיאוּף, אַ פַּחַד פון אַ מַעֲשֶׂה, אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי פון פִיר און צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט חֲסִידִים קוּמְט, [הַיינְט טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶער רֶבִּי, עֶס אִיז דָא רֶבִּי"ס וָואס הָאבְּן צֶען טוֹיזְנְט חֲסִידִים, פוּפְצְן טוֹיזְנְט חֲסִידִים, אָבֶּער נִישְׁט פִיר און צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט חֲסִידִים], און בִּפְנֵי כָּל הַקָּהָל עַם וְעֵדָה,

מִיט זַיין וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, מַאכְט עֶר אַ חֲתוּנָה מִיט אַ גוֹי'אִישׁ מֵייְדְל! דֶערְפַּאר הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלוֹיז לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִין אַזַא פַאל פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פוּן נִיאוּף הָאט עֶר שׁוֹין גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט גֶעוַויין אוּן פַארְלָאזְן טְרֶערְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אַוֶועק נֶעמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען הַרְגֶ'עֶנֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט שְׁמוּץ, נִיאוּף, צְוִוישְׁן דִי אִידְן.

## שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין קָאפּ...

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כה, ג): "וַיִּצָּמֶד יִשְׂרָאֵל לְבַעַל פְּעוֹר", דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ בַּאהָאפְטְן צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל פְּעוֹר. פְּרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי קֶען עֶס זַיין אַזַא זַאךְ מֶען זָאל קֶענֶען אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן עַד כְּדֵי כַּךְ אַוֶועק פַאלְן צוּ גֵיין דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה? ! נָאר - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - עֶס אִיז דָא אֵיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַוֶועק שְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ נִיאוּף; וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הֵייבְּט מֶען אָן הָאבְּן שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין קָאפּ, מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט, מֶען הָאט שׁוֹין נִסְיוֹנוֹת אִיבֶּער דֶעם אוֹתוֹ הָאִישׁ וְכוּ', אֵיי, דוּ הָאסְט נִסְיוֹנוֹת? ! מֶען דַארְף דָאךְ זַיין אַ שׁוֹטֶה צוּ טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר דֶער אוֹתוֹ הָאִישׁ וְכוּ'', נָאר דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן זִיךְ מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן, זִיךְ מַפְקִיר זַיין דִי מֹחַ, וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## קִינְדֶער זֶעעֶן קְלָאר אִין אֱמוּנָה

דָאס קֶען מֶען זֶען קְלָאר, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, קִינְדֶער זֶעעֶן קְלָאר אִין אֱמוּנָה, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען זוֹיבֶּער אוּן רֵיין; אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין נִיאוּף, מֶען קוּקְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, מֶען טְרַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טְרַאכְטְן, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

## 'אֱמוּנָה' אִיז דֶער עִיקָר

אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן קִילְט זִיךְ אוֹיטָאמַאטִיש אָפּ דִי אֱמוּנָה, דֶערְנָאךְ פַּארְפַּאסְט מֶען שׁוֹין צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, נָאכְדֶעם וֶוערְט שׁוֹין 'שַׁבָּת' אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ הִיט נָאךְ שַׁבָּת סְתַּם אַזוֹי, אָבֶער אוֹיב אִיז זֵייעֶר הֵייס, וֶועט עֶר אָנְצִינְדְן דֶעם עִיר קָאנְדִישְׁן, פַּארְוָואס? וַוייל עֶס פֶעלְט אִים דִי 'אֱמוּנָה'. אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז אַלֶעס דָא, אוּן אַז מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִיז גָארְנִישְׁט דָא; אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אֱמוּנָה, וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי נָאר גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אֱמוּנָה, אֱמוּנָה, וַוייל 'אֱמוּנָה' אִיז דֶער עִיקָר.

## וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ

וָואס אִיז דִי עֵצָה? מֶען זָאל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר"**, דָאס הָאט פִּנְחָס גֶעטוּן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, ז): **"וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ"**, עֶס שְׁטֵייט 'רֹמַח' אָן אַ וָאו, דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז פִּנְחָס הָאט גֶענוּמֶען דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי רמ"ח - צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעקֶענְט מַכְנִיעַ זַיין אַלֶע קְלִיפּוֹת.

## וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי עֵצָה פוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע?

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי עֵצָה פוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע? נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אָן גְלֵייבְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן פַארְדְרֵייט מִיךְ נִישְׁט קַיין קָאפּ אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אֶפְשָׁר אִיז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, (דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיר, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם); אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זַיינֶע תַּאֲווֹת, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלוֹיז 'זָאגְן' קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר דַארְף שׁוֹין וֵויינֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר"**, **"רִבּוֹנוֹ**

שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וְויל וְויסְן אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיךְ", "אִיךְ וְויל וְויסְן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ", "אִיךְ וְויל גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים, אִיךְ וְויל פָּאלְגְן צַדִיקִים", - דָאס אִיז מְתַקֵּן, דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה, דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ פַּאל וואו אִיךְ פַּאל, אִיךְ זֶע אוֹיס וְוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, אָבֶּער אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

## מֶען דַארְף הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'

אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן זָאגְט אִים: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער", דַארְף מֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: "אִיךְ בִּין יָא", אִיךְ גֵיי זָאגְן אוּן וֵויינֶען בַּיי 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל', דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועל אִיךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

## נְפַל פּוּתָא בְּבִירָא?!

וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל צַייט אִיז כְּדַאי עֶר זָאל אַרַיין קוּקְן אִין 'סִידוּר עֵת רָצוֹן', פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּיי דִי שְׁטִיקְל פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, מוֹהֲרָא"ש אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר אַן עִנְיָן, עֶס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת.

מוֹהֲרָא"ש פְרֶעגְט דָארְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא, אוֹיף אֵיין פְּלַאץ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שָׁם): "**דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל**", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל, "**שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק**", מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק, "**אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי**", אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְתַקֵּן גֶעוֶועז אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ צַדִיק

און מֶען הֶערְט דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אוֹיבּ הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט מְתַקֵן גֶעוֶוען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, מֶען אִיז פוּל מִיט קַשְׁיוֹת, 'עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט וָואס זָאגְט', 'אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ', 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט', נָאכְן מְתַקֵן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק. און אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז) : אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ נָאר אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק.

פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש, קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט און עֶר ווִיל מְתַקֵן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וָואס זָאל מֶען אִים זָאגְן ? זָאל עֶר גֵיין צוּם צַדִיק, דֶער צַדִיק זָאל אִים פַארְעֶנְטְפֶערְן ? - דָאס וֶועט דָאךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ ווִילַאנְג מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְתַקֵן גֶעוֶוען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דְרֵיידְט זִיךְ דֶער קָאפּ, אֲפִילוּ עֶר וֶועט קוּמֶען צוּם צַדִיק וֶועט זִיךְ אִים דְרֵייעֶן דִי קָאפּ, 'פַארְוָואס רֶעדְט דֶער צַדִיק אַזוֹי' און 'פַארְוָואס דַארְף מֶען דָאס זָאגְן', מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם צַדִיק.

קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז 'נִפַל פּוּתָא בְּבִירָא', עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער אִיד שְׁטֵייט און וֵויינְט : "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיף אֵיין פְּלַאץ זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אוֹיבּ אִיךְ גֵיי צוּם צַדִיק, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, ווִילַאנְג אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועל אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, און אִיךְ וֶועל הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים ? אוֹיבּ אַזוֹי וָואס וֶועל אִיךְ הָאבּ פוּן גֵיין צוּם צַדִיק ? !**"

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, זֵייעֶר פָּשׁוּט ; דֶער תֵּירוּץ אִיז אַזוֹי, ווִילַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט אִינְגַאנְצְן מְתַקֵן גֶעוֶוען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ קֶענְסְטוּ נִישְׁט 'פַארְשְׁטֵיין' וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, אָבֶּער 'אֱמוּנָה' קֶענְסְטוּ הָאבְּן, גְלֵייבְּן קֶענְסְטוּ ; אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן מִיט גְלֵייבְּן, דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט אָן פַארְשְׁטַאנְד, וֶועט בַּיי דִיר פַארְרָאכְטְן וֶוערְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט.

## לֵייג אַוֶועק דַיין שֵׂכֶל

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל: זָאגְן מִשְׁנַיוֹת; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ לִיג, אִיךְ וֵוייק זִיךְ, און אִיךְ בָּאד זִיךְ אִין נִיאוּף הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אֵיין בַּאשֶׁעפֶּער וֵוייסְט וָואס אִיךְ קוּק, אֵיין בַּאשֶׁעפֶּער וֵוייסְט וָואס אִיךְ טְרַאכְט, וָואס פִּינְקְטְלִיךְ וֶועט גֶעשֶׁען אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת?! - אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִיק אָן פַארְשְׁטַאנְד, מִיט שֵׂכֶל קֶענְסְטוּ נִישְׁט פַארְעֶכְטְן, לֵייג אַוֶועק דַיין שֵׂכֶל, גְלֵייבּ אִינֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת זָאג אֵיין מִשְׁנָה, זָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג דָאס טוּן, וֶועסְטוּ מְתַקֵן זַיין דַיינֶע עֲבֵירוֹת, און נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִיק.

## וָואס הֵייסְט וֵויינֶען בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע?

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מוֹהֲרָא"ש, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חַבֵר, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט פוּן דֶעם עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף, אַז מֶען וֵויינְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע. אָבֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען, וָואס הֵייסְט וֵויינֶען בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע? וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִיר", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ לִיג וואוּ אִיךְ לִיג, אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ טְרַאכְט וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אִיךְ רֶעד וָואס אִיךְ, עֶס גִיט אִיבֶּער אוֹיף מִיר וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גְלֵייבְּן אִין דִיר", דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי תַּאֲוָה, און דָאס הָאבְּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און פִּנְחָס גֶעטוּן צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה.

## עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט נָאךְ נַיין אַזֵייגֶער...

מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁמוּעֶסְן אַז מֶען גֵייט וֵויינֶען בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע, ווַייל דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים

דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי (בְּרָכוֹת ז.). רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן אַן אַפִּיקוֹרֶס, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶערְנְט דָאךְ יֶעדְן טָאג אֵיין רֶגַע, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵייִ שָׁעוֹת פוּן טָאג, צְוִוישְׁן זֶעקְס אוּן נַיין אַזֵייגֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען שֶׁעלְט אֵיינֶעם אִין יֶענֶע רֶגַע, קֶען מֶען אִים אַוֶועקְלֵייגְן. דִי גְמָרָא גֶעבְּט אַ סִימָן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וויסְן וֶוען יֶענֶע רֶגַע אִיז, וֶוען מֶען זֶעט דִי הִינְדְל הַאלְט אֵיין פוּס אִין דִי לוּפְט אוּן אֵיין פוּס אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אִיר קְרוֹין וֶוערְט וַוייס; אַז מֶען גֶעבְּט יֶענֶע רֶגַע אַ שְׁרֵיי אַ קְלָלָה קֶענְסְטוּ יֶענֶעם הַרְגְ'עֶנֶען. הָאט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן אַ הִינְדְל נֶעבְן זַיין בֶּעט, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט פוּן זֶעקְס אַזֵייגֶער וֶוען עֶר גֵייט זֶען וִוי דִי הִינְדְל הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף דִי פוּס אוּן דִי קְרוֹין וֶוערְט וַוייס, פְּלוּצְלִינְג אִיז עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט נָאךְ נַיין אַזֵייגֶער...

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע צַייט, אַז אִיךְ וֶועל וַויינֶען בַּיי דֶעם פָּסוּק וֶועל אִיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל פְּלוּצְלִינְג אִיז מֶען שׁוֹין אַדוּרְךְ דֶעם פָּסוּק, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ טְרֶעף נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע בַּיי 'עֶזְרַת אֲבוֹתֵינוּ'.

## עֶר טוּט עֶס אָן אָדֶער אוֹיס?

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי פַארְטְרַאכְט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אָפְּמַאכְן 'הַיינְט גֵיי אִיךְ אִינְזִין הָאבְּן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה', פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר זִיךְ זָאגְן: "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ"... עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען הַאלְטְן דִי תְּפִילִין אִין דִי הַאנְט, אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וואוּ עֶר הַאלְט, צִי עֶר טוּט עֶס יֶעצְט אָן אָדֶער אוֹיס, עֶר זוּכְט סִימָנִים אוֹיף זַיין הַאנְט צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלֵייגְט תְּפִילִין הַיינְט...

אוֹיךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיאַת שְׁמַע נֶעמְט זֵיי אַפָּאר שָׁעָה, יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר קוּמְט אָן צוּ "וּכְתַבְתָּם עַל מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ" גֵייט עֶר צוּרִיק צוּ "וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ" וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר הַאלְט בַּיי 'וּכְתַבְתָּם' פוּן וְאָהַבְתָּ אָדֶער פוּן וְהָיָה, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם.

# רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר

בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אַ תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרָא״שׁ: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף נָאר דִיר, אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר״; דָאס אִיז אַ תְּפִלָּה וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם נִיגוּן: ״מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין; נִישְׁט דִי וֶועלְט נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין״, הָאבְּן מִיר פוּן אָנְפַאנְג מוֹרָא גֶעהַאט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דֶעם נִיגוּן, אֶפְשָׁר וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן עֶס אִיז ׳רִבּוּי אוֹר׳, וואוּ אִין דִי וֶועלְט זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, דָאס זֶענֶען וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַזַא רֵיינֶע אֱמוּנָה, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז וואוּ עֶר אִיז, עֶר פַאלְט וואוּ עֶר פַאלְט, עֶר טוּט וָואס עֶר טוּט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר לִיגְט וואוּ עֶר לִיגְט, עֶר טְרַאכְט וָואס עֶר טְרַאכְט, עֶר רֶעדְט וָואס עֶר רֶעדְט אוּן עֶר קוּקְט וָואס עֶר קוּקְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר״.

## אֱמוּנָה אִיז אַ מְצִיאוּת!

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דִי מַעֲשֶׂה אִיז מַמָּשׁ הַפְלֵא וָפֶלֶא; אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶער רֶבִּי, אַז עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מו): ״בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דִי אוֹתִיּוֹת פוּן ״קַשְׁיָא״ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים כז, ז): ׳שְׁמַע יְיָ קוֹלִי אֶקְרָא׳, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אוֹיפְ׳ן צַדִּיק דַארְף עֶר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי דֶער רֶבִּי הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים, וִוי אַזוֹי זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר הָאט דָאךְ קַשְׁיוֹת, דָאס אִיז דָאךְ זַיין פְּרָאבְּלֶעם?! נָאר אֱמוּנָה אִיז אַ מְצִיאוּת! אַז דוּ הָאסְט קַשְׁיוֹת גֵיי אִין אַ זַייט וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר״.

# אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען פַּארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ נָאכְזָאגְן דֶעם זוהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים פד.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, און עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען פְרוּיעֶן, און דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִקְרָא יט, ד): **"אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים"**. פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש, לִכְאוֹרָה וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט זָאגְן דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טו, לט): **"וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם"**, וואוּ קוּמְט דָא אַרַיין עֲבוֹדָה זָרָה?

נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת און שְׁמוּץ הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען פַּארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי רֶגַע וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', 'אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער', 'אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא' און 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ', וֶוערְן אַלֶע אַלֶע תַּאֲווֹת און שְׁמוּץ בָּטֵל.

## וֶוער לַאכְט צוּם סוֹף...

לָאמִיר נֶעמֶען דִי מִשְׁנִיוֹת, לָאמִיר נֶעמֶען דִי גְמָרָא, מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אָבֶּער 'גְלֵייבְּן' אִין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - דָאס קֶען מֶען יָא. אֵיי מֶענְטְשְׁן לַאכְן פוּן מִיר? - קֶענְסְט ווייטֶער לַאכְן, בַּאלְד וֶועלְן מִיר זֶען וֶוער עֶס לַאכְט צוּם סוֹף. מֶען קֶען זֶען ווִי צְוֵויי בָּחוּרִים קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, און אֵיינֶער מַאכְט אַ דְזְשְׁאוֹק אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער בָּחוּר אִיז דֶער גֶעווּאוּנֶער, בַּאלְד וֶועט מֶען זֶעהְן וָואס דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה וֶועט זַיין.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה: אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנִיוֹת, וֶועט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ לַאנְגֶע צַייט און אִיךְ וֶועל אַ חָתָן וֶוערְן, און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ; אוֹיבּ

וְועל אִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וְועל אִיךְ מְגַדֵל זַיין אַ שֵׁיינֶע דוֹר, אַז אִיךְ וְועל וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וְועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן.

## דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט גוּט

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט אוּן שׁוֹין... אֶפְשָׁר בַּיי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן אִיז עֶס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, גֵיי צוּ דַיין בַּאבֶּע וְועסְטוּ שׁוֹין הֶערְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט, מֶען שְׁרֵייט אַהֶער אוּן אַהִין, אוּן אַהִין אוּן אַהֶער, עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "קֶענְסְט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דָא? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִיר?" אָבֶּער אַז מֶען פָּאלְגְט דֶער רֶבִּי, מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, מֶען זָאגְט גְמָרָא, לֶעבְּט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים, דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט גוּט, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ זַיין וַוייבּ, עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי מִשְׁנַיוֹת וֶועט טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי גְמָרָא וֶועט טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ פָּאלְג, אוּן אַז אִיךְ וֶועל פָּאלְגְן וֶועל אִיךְ מְתַקֵן זַיין דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְ'ן מְתַקֵן זַיין וֶועל אִיךְ צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בָּלָק, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן טז.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין שִׁבְחֵי הָרַ״ן (סִימָן טז):

וְגֹדֶל עֹצֶם מַעֲלַת קְדֻשָּׁתוֹ בִּשְׁבִירַת הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית שֶׁהִיא כּוֹלֶלֶת כָּל הַתַּאֲווֹת רָעוֹת שֶׁהוּא תַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל, אִי-אֶפְשָׁר לְבָאֵר וּלְסַפֵּר, דֶער רֶבִּי הָאט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה. עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף וָואס נֶעמְט אַרַיין אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, אוֹיף גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן.

וְאָמַר: שֶׁהָיוּ לוֹ נִסְיוֹנוֹת אֵין מִסְפָּר, רַק בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נִסָּיוֹן כְּלָל, כִּי אָמַר: שֶׁאֵין זֶה תַּאֲוָה כְּלָל, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, וְאָמַר: שֶׁמִּי שֶׁהוּא רַק חָכָם אֱמֶת אֲפִלּוּ עַכּוּ״ם, מֵאַחַר שֶׁהוּא רַק חָכָם אֱמֶת, רָאוּי שֶׁלֹּא יִהְיֶה אֶצְלוֹ הַתַּאֲוָה הַזּוֹ נֶחֱשֶׁבֶת לְתַאֲוָה כְּלָל, וְאָמַר כִּי מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּחָכְמַת הַנִּתּוּחַ וְיוֹדֵעַ סֵדֶר הָאֵיבָרִים שֶׁל הָאָדָם כְּפִי חָכְמַת הַנִּתּוּחַ, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה נִמְאָס אֶצְלוֹ הַתַּאֲוָה הַזֹּאת בְּתַכְלִית הַמִּאוּס, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת׳ער חָכָם, אֲפִילוּ אַ גוֹי, אוֹיבּ אִיז עֶר אַן אֱמֶת׳עֶר קְלוּגֶער מֶענְטְש, דַארְפְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת בִּכְלַל נִישְׁט זַיין פַאר אִים קַיין נִסָּיוֹן. וּבְעִנְיָן מִאוּס תַּאֲוָה זוֹ הִפְלִיג לְדַבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, אֲשֶׁר אִי-אֶפְשָׁר לְבָאֵר מֵחֲמַת הַשִּׁכְחָה, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן דִי תַּאֲוָה, - רֶבִּי

נָתָן שְׁרַייבְּט - מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס שְׁרַייבְּן צוּלִיבּ דֶעם וָואס אַסַאךְ דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן זֶענֶען פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן. וְהַכְּלָל: שֶׁהָיָה מְמָאֵס מְאֹד תַּאֲוָה זוֹ בְּתַכְלִית הַמִּאוּס, עַד שֶׁגָּזַר וְאָמַר: שֶׁמִּי שֶׁהוּא חָכָם אֱמֶת קְצָת, אֵין הַתַּאֲוָה הַזֹּאת נֶחְשֶׁבֶת לְנִסָּיוֹן כְּלָל, דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי תַּאֲוָה, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אִיז דִי גַאנְצֶע תַּאֲוָה בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, עֶס אִיז בְּלוֹיז דִמְיוֹן.

אֲבָל גַּם קֹדֶם שֶׁזָּכָה לָזֶה שֶׁיִּתְבַּטֵּל וְיִהְיֶה נִמְאָס אֶצְלוֹ לְגַמְרֵי הַתַּאֲוָה הַזֹּאת, גַּם קֹדֶם לָזֶה, אָבֶּער פַארְדֶעם, אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ פַארְעֶקְלְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, גַּם אָז הָיוּ לוֹ כַּמָּה וְכַמָּה נִסְיוֹנוֹת גְּדוֹלוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד בְּתַאֲוָה זוֹ, הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע גְרוֹיסֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אֲשֶׁר אִי-אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּפְרָט, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען.

כִּי בִּימֵי נְעוּרָיו מַמָּשׁ, בְּעֵת רְתִיחַת הַדָּמִים הָיָה לוֹ כַּמָּה וְכַמָּה נִסְיוֹנוֹת גְּדוֹלוֹת שֶׁל תַּאֲוָה זוֹ, עַד אֵין מִסְפָּר, אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען דִי בְּלוּט קָאכְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעהַאט פִילֶע נִסְיוֹנוֹת, אֲשֶׁר הָיָה בְּיָדוֹ לְמַלֹּאת תַּאֲוָתוֹ, אוּן עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זִיךְ נָאכְגֶעבְּן דִי תַּאֲווֹת אַסַאךְ מָאל, וְהָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אַךְ הָיָה גִּבּוֹר חָזָק וְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן מִיט גְרוֹיס גְּבוּרָה אִיז עֶר בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְ'ן יֵצֶר הָרָע, וְכָפָה תַּאֲוָתוֹ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, אוּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲווֹת, אֵיינְמָאל אוּן נָאכַאמָאל.

דָא שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ:

וְאַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא הָיָה מִתְרַחֵק עַצְמוֹ פַּעַם שֵׁנִית לִבְרֹחַ מֵהַנִּסָּיוֹן, כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּסְט ווִי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט אַ צְוֵוייטֶע מָאל פוּן אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ נִסָּיוֹן, רַק אַדְּרַבָּא הָיָה חָפֵץ בְּנִסְיוֹנוֹת, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע

נִסְיוֹנוֹת, וְהָיָה מִתְפַּלֵּל לַה׳ יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּזְמִין לוֹ נִסְיוֹנוֹת, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אוּנְטֶערְשִׁיקְן נִסְיוֹנוֹת, כִּי הָיָה חָזָק בְּדַעְתּוֹ שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִמְרֹד כְּנֶגֶד ה׳ יִתְבָּרַךְ, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיכֶער בֵּייִשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת, עֶר וֶועט זִיכֶער נִישְׁט דוּרְךְ פַאלְן.

כִּי אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁיַּעֲשֶׂה עֲבֵרָה ח״ו וְיַעֲבֹר עַל רְצוֹן ה׳ יִתְבָּרַךְ, אִם לֹא שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה מְשֻׁגָּע ח״ו בְּעֵת הַזֹּאת? אֲבָל מֵאַחַר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֵיזֶה שֵׂכֶל בְּעָלְמָא בְּעֵת הַנִּסָּיוֹן בְּוַדַּאי יוּכַל לַעֲמֹד, לְפִי גֹּדֶל חֹזֶק לִבּוֹ שֶׁהָיָה חָזָק בַּה׳ מְאֹד, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר נָאר הָאבְּן אַ טְרָאפּ שֵׂכֶל בִּשְׁעַת עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן, וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן טוּן אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווִי אַזוֹי אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה? ווִי אַזוֹי קֶען דֶען זַיין מֶען זָאל עוֹבֵר זַיין אוֹיפְ׳ן רָצוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער?!

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָא, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נִסָּיוֹן, נָאר:

וְאַף־עַל־פִּי־כֵן, בְּעֵת שֶׁבָּא עָלָיו הַנִּסָּיוֹן הָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה מְאֹד, וֶוען עֶס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען אַ נִסָּיוֹן אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וְהָיָה צוֹעֵק לַה׳ יִתְבָּרַךְ מְאֹד, אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַד שֶׁזָּכָה לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּלְהִנָּצֵל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְ׳ן נִסָּיוֹן. וְאַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא הִתְרַחֵק עַצְמוֹ מֵהַנִּסָּיוֹן פַּעַם אַחֶרֶת אַף־עַל־פִּי שֶׁבִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן הָיָה קָשֶׁה עָלָיו מְאֹד כַּנַּ״ל, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אָנְקוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ אַ נִסָּיוֹן כָאטְשׁ וָואס בִּשְׁעַת דִי נִסָּיוֹן אִיז עֶס אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער. וְכֵן הָיָה כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים הַרְבֵּה מְאֹד עַד אֵין שִׁעוּר, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. וְה׳ יִתְבָּרַךְ הָיָה בְּעֶזְרוֹ וְזָכָה לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּלְשַׁבֵּר תַּבְעֶרֶת הַמְּדוּרָה שֶׁל תַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַזֹּאת, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי פְלַאקֶערְדִיגֶע פֵייעֶרְדִיגֶע תַּאֲוָה, וְהָיָה קָדוֹשׁ גָּדוֹל מְאֹד

מְאֹד בִּפְרִישׁוּת תַּאֲוָה זוֹ בִּפְרִישׁוּת גָּדוֹל וּבִקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה וְנוֹרָאָה מְאֹד, און עֶר הָאט זוֹכֶה גְעֶוועֶן צוּ וֶוערְן זֵייעֶר זֵייעֶר הֵיילִיג און אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין קְדוּשָּׁה.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע וִויכְטִיגֶע זַאךְ:

וְאָמַר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁהַבַּעַל-דָּבָר רָצָה לְהַנִּיחַ לוֹ הַכֹּל, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גְרֵייט גְעֶוועֶן אִים אַלֶעס נָאכְצוּגֶעבְּן, רַק שֶׁהוּא יְוַתֵּר לוֹ דָּבָר אֶחָד, אַבִּי עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר׳ן יֵצֶר הָרָע נָאר אֵיין זַאךְ, וְהוּא אָמַר - לְהֵפּוּךְ! אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, שֶׁהוּא יַנִּיחַ הַכֹּל, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן, רַק אוֹתוֹ הַדָּבָר אֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ מִלְּשַׁבְּרוֹ, און נָאר דַוְקָא אִין דִי זַאךְ וֶועט עֶר אַרַיין לֵייגְן אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

דְּהַיְנוּ שֶׁהַבַּעַל דָּבָר הָיָה מְרֻצֶּה לְהַנִּיחַ לוֹ שֶׁיְּשַׁבֵּר כָּל הַתַּאֲווֹת רַק שֶׁהוּא יְוַתֵּר לוֹ דָּבָר אֶחָד מִן הַסְּתָם הַיְנוּ הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַנַּ״ל, שֶׁעִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע הוּא בְּתַאֲוָה זוֹ, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין אַלֶע מִדּוֹת און תַּאֲווֹת, נָאר עֶר זָאל מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אֵיין זַאךְ, דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - אוֹיף קְדוּשָּׁה - וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד. אֲבָל הוּא ז״ל אָמַר לְהֵפֶךְ - שֶׁהוּא יַנִּיחַ לוֹ הַכֹּל לְבִלְתִּי לְשַׁבְּרוֹ, רַק זֹאת הַתַּאֲוָה רוֹצֶה לְשַׁבְּרָהּ לְגַמְרֵי״, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּארְקֶערְט, עֶר וֶועט אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן, אָבֶּער אִין קְדוּשָּׁה וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוֹיפְ׳ן שְׁטֶערְקְסְטְן אוֹפָן, דָאס אִיז מַיין נְקוּדָה אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי זִיךְ שְׁלָאגְן! אִיךְ גֵיי זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ גֵיי זִיךְ הִיטְן מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

## דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּלְעָם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן לו) אַז עֶס אִיז דָא זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער און זִיבֶּעצִיג תַּאֲווֹת, יֶעדֶע פָאלְק אִיז גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַן אַנְדֶערֶע תַּאֲוָה, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ תַּאֲוָה וָואס אַלֶע פֶעלְקֶער זֶענֶען גֶעשְׁלָאגְן דֶערְמִיט, דָאס אִיז ׳תַּאֲווֹת נִיאוּף׳, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און אַלֶע שְׁלֶעכְטְס לִיגְן אִין דֶעם. אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ צֶעבְּרֶעכְט דֶעם תַּאֲוָה, עֶר הִיט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן און זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, קֶען עֶר שׁוֹין גְרִינְגֶערְהֵייט צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת.

דער רֶבּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּלְעָם; אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵין סַנְהֶדְרִין קה:) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף, דֶערְפַאר נָאכ'ן זֶען אַז וִויפִיל מָאל עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ שֶׁעלְטְן דִי אִידְן גֵייט עֶס נִישְׁט, נָאר פַארְקֶערְט עֶר מוּז זֵיי בֶּענְטְשְׁן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פַאר בָּלָק עֶר זָאל מַכְשִׁיל זַיין דִי אִידְן אִין עֲרָיוֹת (שָׁם קו.), עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר בָּלָק: "אֱלֹקֵיהֶם שֶׁל אֵלוּ שׂוֹנֵא זִמָּה הוּא", זֵייעֶר בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַיינְט זְנוּת, אַז דוּ ווִילְסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי, זָאלְסְטוּ זֵיי מַכְשִׁיל זַיין אִין עֲבֵירוֹת; עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַארְק וואוּ מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער פוּן פְלַאקְס, דִי עֶלְטֶערֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז, אוּן דִי יוּנְגֶערֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַ בִּילִיגֶע פְּרַייז וְכוּ', אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי נֶעבֶּעך מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אִין עֲבֵירוֹת.

דער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער (שָׁם): "דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל, "שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וּלְתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, "אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי", אוֹיב מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, "וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", נָאר נָאכְן מְתַקֵּן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן לוֹיט וִויפִיל מֶען פַארְעֶכְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִינֶעם צַדִּיק.

דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אִים אַרָאפּ וַוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט שׁוֹין צוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פַארְלִירְן זַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דַאוֶוענֶען, עֶר וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען וִויל פוּן אִים, אוֹיךְ פַארְלִירְט עֶר זַיין אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִּיק, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פַאלְן, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט דָאס אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַאוֶוענֶען, עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִּיל אִין דַאוֶוענֶען אוּן אִין לֶערְנֶען. לָאמִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(עַיין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט; וּבְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקעג) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## אַז מֶען פָּאלְגְט - אִיז מֶען בַּיים רֶבִּי'ן

מֶען הָאט הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי גֶערֶעדְט בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אַז דֶער שְׁטֶעטְל הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיטְ'ן פְּלַאץ, עֶס אִיז אַ זַאךְ אִין מֹחַ, אַז מֶען הָאט דָא אַ הוֹיז אוּן אַ קַאר אוּן מֶען עֶפְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט מִיט דִי שְׁטֶעטְל. אַז דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעזָאגְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל גְמָרָא, דָאס הֵייסְט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל. נָאר אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען בַּיים רֶבִּי'ן, אַז מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

## נִסְיוֹנוֹת אִין גַאס, הוֹיז אוּן אָפִּיס

דִי יֶעצְטִיגֶע זוּמֶער טֶעג זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין גַאס, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא נָאךְ אַן עֶרְגֶערֶע נִסָיוֹן, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין זַיין הוֹיז אָדֶער אִין זַיין אָפִּיס, אוּן זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן וְכַדוֹמֶה אוֹיף וָואס מֶען קֶען קוּקְן עֲבֵירוֹת. דָאס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, דָאס נֶעמְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

## בִּיסְט דָאךְ אַ שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ אִיד זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? בִּיסְט דָאךְ אַ שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל?! נָאר אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דָא, אַלֶעס וֶוערְט פַארְהוֹילְן, אַלֶעס וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

**וְכֵן הָיָה נוֹהֵג מִתְּחִלָּה, שֶׁכָּל מְגַמָּתוֹ וְכָל יְגִיעָתוֹ הָיוּ רַק לְשַׁבֵּר בָּרִאשׁוֹנָה**

הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַזֹּאת, און אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ טַאקֶע גֶעפִּירְט אִין אָנְהֵייבּ, אַלֶע זַיינֶע כֹּחוֹת הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט נָאר אִין דֶעם, צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן און זַיין אַן הֵיילִיגֶער אִיד, **וְלֹא הָיָה מַשְׁגִּיחַ כְּלָל בִּתְחִלָּה לְשַׁבֵּר תַּאֲוַת אֲכִילָה**, און עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, צוּ אַרְבֶּעטְן זֵיי צוּ צֶעבְּרֶעכְן, לְמָשָׁל אוֹיף תַּאֲווֹת אֲכִילָה, הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט דֶעמָאלְט, **רַק אַדְּרַבָּא, בִּתְחִלָּה הָיָה אוֹכֵל הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד**, פַארְקֶערְט, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר אַסַאךְ, **הַרְבֵּה יוֹתֵר מִשְּׁאָר בְּנֵי־אָדָם**, פִּיל מֶער ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט, **וְאָמַר, שֶׁאָז הָיָה מַמְשִׁיךְ כָּל הַתַּאֲווֹת לְתוֹךְ תַּאֲוַת אֲכִילָה**, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַלֶע תַּאֲווֹת אַרַיין אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה, ווייל אַזוֹי גֵייט דָאךְ עֶס, אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ אוֹיסְגֶעבְּן, **וְאַחַר־כָּךְ שִׁבֵּר גַּם זֹאת הַתַּאֲוָה שֶׁל אֲכִילָה**, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אֲפִילוּ אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה.

## צְווִישְׁן מִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז נִישְׁט מְדַקְדֵּק אִין זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְדַקְדֵּק, עֶר אִיז מְדַקְדֵּק אִין אֵיין זַאךְ, אִיךְ וֶועל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין הֵיילִיג.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ טֶעלֶעפָאוֹן מֶען הָאט, וָואס פַאר אַ קָאמְפְּיוּטֶער מֶען הָאט, ווִי אַזוֹי אִיז מַיין מֹחַ, ווִי אַזוֹי זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן, עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען וֶועט מִיךְ אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה אָדֶער נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען וֶועט אַרוֹיסְוַוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת אָדֶער נִישְׁט, עֶס אִיז אַ זַאךְ צְווִישְׁן מִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן און פַארְשְׁטֶעקְן, אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער:

**וְהָיוּ לוֹ כַּמָּה מִינֵי יְגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת וּמִלְחָמוֹת וְנִסְיוֹנוֹת אֵין מִסְפָּר**

קֹדֶם שֶׁשִּׁבֵּר הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַנַּ"ל, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת אָן אַ צָאל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן. וְכַמָּה וְכַמָּה תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים וּבְכִיּוֹת וְשִׂיחוֹת שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִתְחַנֵּן וְשׁוֹפֵךְ לִבּוֹ לִפְנֵי הַ' יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי תַּחֲנוּנִים וְרִצּוּיִים וּפִיּוּסִים שֶׁיִּהְיֶה ה' יִתְבָּרַךְ בְּעֶזְרוֹ לְהִנָּצֵל מִתַּאֲוָה זוֹ, אַסַאךְ תְּפִילּוֹת אוּן בְּכִיּוֹת הָאט עֶר פַארְגָאסְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֱמֶת'דִיג הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה.

עַד אֲשֶׁר זָכָה לַעֲמֹד בְּכָל הַנִּסְיוֹנוֹת, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶועְן בַּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וְקִדֵּשׁ עַצְמוֹ מְאֹד בִּפְרִישׁוּת תַּאֲוָה זוֹ עַד אֵין שִׁעוּר וָעֵרֶךְ, עַד אֲשֶׁר זָכָה לְשַׁבֵּר תַּאֲוָה זוֹ לְגַמְרֵי. עַד אֲשֶׁר הָיָה לְפֶלֶא אֶצְלוֹ עַל מִי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁקָּשֶׁה לְשַׁבֵּר תַּאֲוָה זוֹ, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין גֶעוֶועְן אַ וואוּנְדֶער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ צֶעבְרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, כִּי אָמַר שֶׁאֵין זֶה תַּאֲוָה כְּלָל, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲוָה.

וְהָיָה מַרְבֶּה לְדַבֵּר בְּעִנְיָן זֶה, בְּעִנְיַן בִּטּוּל וּמִאוּס תַּאֲוָה זוֹ, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דִי מִיאוּסְ'קֵייט פוּן עֲבֵירוֹת. וְאָמַר: שֶׁאִי-אֶפְשָׁר לְדַבֵּר מִזֶּה עִם אֲנָשִׁים שֶׁכְּבָר נִתְגַּשְּׁמוּ בְּעִנְיָן זֶה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אִין דֶעם. כִּי כְּבָר נִתְעָרְבוּ דְּמֵיהֶם כָּל-כָּךְ עַד שֶׁנִּתְעָרֵב דַּעְתָּם עַד שֶׁאֵין יְכוֹלִים לְהָבִין כְּלָל וְאֵין נִכְנָס בְּלִבָּם כְּלָל שֶׁאֶפְשָׁר לְמָאֵס תַּאֲוָה זוֹ, עַל-כֵּן אִי-אֶפְשָׁר לְדַבֵּר בָּזֶה הַרְבֵּה, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי מְגֻשָּׁם אַז זֵיי קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי עֶקֶלְדִיגְקֵייט פוּן טוּן עֲבֵירוֹת. אֲבָל בֶּאֱמֶת מִי שֶׁהוּא חֲכַם אֱמֶת קְצָת יָכוֹל

בְּקַל לְמָאֵס תַּאֲוָה זוֹ לְגַמְרֵי. כִּי אָמַר שֶׁאֵין זֶה נִסָּיוֹן כְּלָל לְמִי שֶׁהוּא רַק חָכָם אֱמֶת כַּנַּ"ל, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט דָאס, אוּן פַאר אִים אִיז דָאס גָאר אַן עֶקְל צוּ קֶענֶען דוּרְכְפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם.

וְאָמַר שֶׁבְּהֶכְרֵחַ שֶׁיֵּשׁ בְּכָל זֶה סוֹד, אַזוֹי וַוייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶס מוּז זַיין אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סוֹד אִין דֶעם אַז דָאס אִיז בִּכְלַל אַ תַּאֲוָה, כִּי בֶּאֱמֶת אֵין זֶה תַּאֲוָה כְּלָל, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, וֶוער עֶס אִיז נָאר אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶער חָכָם, פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלֵיינְס.

וְהִתְפָּאֵר עַצְמוֹ מְאֹד בְּגֹדֶל חָזְקוֹ בִּשְׁבִירַת תַּאֲוָה זוֹ. וְהָיָה קָדוֹשׁ גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה וְאָמַר עַל-עַצְמוֹ שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם תַּאֲוָה כְּלָל. וְאָמַר: שֶׁאֶצְלוֹ זָכָר וּנְקֵבָה שָׁוִים. דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם מִלְחָמָה מֵחֲמַת אֵיזֶה צַד הִרְהוּר כְּשֶׁרוֹאֶה אוֹ כְּשֶׁמְּדַבֵּר עִם אֵיזֶה אִשָּׁה. כִּי הַכֹּל שָׁוֶה אֶצְלוֹ.

## יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס נָאר אַ צַדִּיק קֶען זוֹכֶה זַיין, נָאר דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב וֶועט עֶר דָאס נָאכְמַאכְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל הִיטְן מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ", וֶועט עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת.

אַז מֶען וֶועט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כו):

אֵצֶל הָעוֹלָם, בַּיי דִי וֶועלְט, הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם, אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ: "אִיךְ פַארְגֶעס שְׁנֶעל", מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי אַ פְּרָאבְּלֶעם. אֲבָל בְּעֵינַי, יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה', וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין קַיין שׁוּם זַאךְ, אִם הָיָה זוֹכֵר כָּל מַה שֶּׁעָבַר, אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהָרִים אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ בְּשׁוּם אֹפֶן", עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אָנְצוּהֵייבְּן צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ וֵוייס דָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, וִוי קֶען אִיךְ גֵיין דַאוֶונֶען? וִוי קֶען אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען?' "גַּם הָיוּ מְבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם מְאֹד כָּל הַדְּבָרִים שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו", אוֹיךְ וָואלְט עֶר גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, "אֲבָל עַכְשָׁו עַל יְדֵי הַשִּׁכְחָה, אָבֶּער יֶעצְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, נִשְׁכָּח מַה שֶּׁעָבַר, פַארְגֶעסְט עֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען. אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן

יֶעצְט דַאוֶונֶען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער:

וְאֶצְלוֹ הַדֶּרֶךְ, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר, שֶׁכָּל מַה שֶׁעָבַר וְהָלַךְ, נִפְסָק וְהוֹלֵךְ לַחֲלוּטִין, אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, דֶער עִיקָר אִיז נָאר נוֹגֵעַ וָואס אִיז 'יֶעצְט', וְאֵינוֹ חוֹזֵר בְּדַעְתּוֹ עוֹד כְּלָל, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם, וְאֵינוֹ מְבַלְבֵּל כְּלָל עַצְמוֹ עוֹד בַּמֶּה שֶׁכְּבָר עָבַר וְהָלַךְ. אוּן מֶען הָאט דָאס מֶער נִישְׁט אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט. עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן, אוּן יֶענְץ גֶעטוּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעצְט.

וְעִנְיָן זֶה הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע גוּטֶע עֵצָה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי עַל־פִּי רֹב יֵשׁ לְהָאָדָם בִּלְבּוּלִים רַבִּים וְעִרְבּוּב הַדַּעַת מְאֹד מִמַּה שֶׁחָלַף וְעָבַר, רוֹב מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיגֶע בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אוּן עֶס בַּאדֶערְט אִים זַאכְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, בִּפְרָט בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶונֶען, שֶׁאָז בָּאִים עָלָיו כָּל הַבִּלְבּוּלִים וּמְעַרְבְּבִים וּמְעַקְּמִים אֶת דַּעְתּוֹ מִמַּה שֶׁכְּבָר עָבַר, קוּמֶען אַרַיין אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים, פוּן זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן אוּן אַזוֹי גֶעטוּן, דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט דַאוֶונֶען, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, לִפְעָמִים יֵשׁ לוֹ בִּלְבּוּלִים מֵעִנְיַן הַמַּשָּׂא־וּמַתָּן שֶׁלּוֹ, אַסַאךְ מָאל קוּמֶען אַרַיין בִּלְבּוּלִים פוּן דִי גֶעשֶׁעפְטְן, וְעִסְקֵי בֵּיתוֹ וְכַיּוֹצֵא, אוּן זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ, בַּאֲשֶׁר כִּי לֹא טוֹב עָשָׂה בְּעִנְיָן זֶה, וְכַיּוֹצֵא וְכָךְ הָיָה צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַדָּבָר, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף 'אִיךְ וָואלְט וֶוען אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן, 'אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן אַנְדֶערְשׁ'. אוּן 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער, - דָאס אַלֶעס קוּמְט אַרַיין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען.

וְיֵשׁ אוּן אַמָאל אִיז דָא, שֶׁמְּבַלְבְּלִים אוֹתוֹ בְּעֵת עֲבוֹדָתוֹ בְּתוֹרָה אוֹ בִּתְפִלָּה

וְכַיּוֹצֵא, בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ וִויל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען קוּמֶען אַרַיין מַחְשָׁבוֹת פוּן בְּהַפְּגָמִים שֶׁפָּגַם מִקֹּדֶם, זַאכְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בַּאֲשֶׁר שֶׁבְּעִנְיָן זֶה לֹא עָשָׂה כַּהֹגֶן נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה מְאֹד, עֶר הָאט גֶעטוּן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לְכָל אָדָם בְּעַצְמוֹ, אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַלֵיינְס זַיינֶע בִּלְבּוּלִים נָאךְ בֶּעסֶער וִוי עֶס שְׁטֵייט דָא גֶעשְׁרִיבְּן, עַל־כֵּן הַשִּׁכְחָה הִיא עֵצָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד לָזֶה, דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ צוּ פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, שֶׁתֵּכֶף וּמִיָּד שֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר הַדָּבָר, יַעֲבִיר וִיסַלֵּק אוֹתוֹ מִדַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, וְיַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה לְגַמְרֵי. וְלֹא יַתְחִיל לַחֲשֹׁב עוֹד בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעִנְיָן זֶה כְּלָל, וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אִיךְ פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ גֵיי וֶוערְן פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעצְט דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב, כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד. דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה

דָאס זֶעט מֶען דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, מֶען הַאלְט נָאךְ אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מַגֵּיפָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כו, א): ״וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה״, עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ דִי מַגֵּיפָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שָׁם, פָּסוּק ב): ״שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל נָאכְאַמָאל צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר (א, א): ״מִתּוֹךְ חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה״, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען צֵיילְט דִי אִידְן אִיז עֶס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן.

אֵיי, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל יֶעצְט לִיבּ הָאבְּן דִי אִידְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ יֶעצְט גֶעזִינְדִיגְט? נָאר מֶען הַאלְט שׁוֹין יֶעצְט ׳וַיְהִי אַחֲרֵי

הַמַּגֵּפָה׳, דִי מַגֵיפָה אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְּרִישׁ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען גֵייט פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

## שִׁכְחָה אִין לֶערְנֶען אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ

בִּיז אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז שִׁכְחָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, קֶען זִיךְ אָבֶּער דַאכְטְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט אִיז לִכְאוֹרָה נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי, נֵיין ! אֲפִילוּ שִׁכְחָה אִין לֶערְנֶען אִיז אוֹיךְ אַ גוּטֶע זַאךְ.

**וְאִיתָא בַּסְּפָרִים**, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע מֶדְרָשׁ (קֹהֶלֶת רַבָּה א, יג), **שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִתַּן הַשִּׁכְחָה, כְּדֵי שֶׁתְּהֵא הַתּוֹרָה חֲבִיבָה עַל לוֹמְדֶיהָ תָּמִיד כְּשָׁעָה הָרִאשׁוֹנָה**, וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס מֶען לֶערְנְט, כְּדֵי דִי תּוֹרָה זָאל זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי אִים, **כִּי עַל-יְדֵי הַשִּׁכְחָה כְּשֶׁחוֹזֵר וּבָא וְלוֹמֵד אֲפִלּוּ מַה שֶּׁכְּבָר לָמַד, הוּא אֶצְלוֹ כַּחֲדָשׁוֹת וְחָבִיב עָלָיו**, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט וָואלְט עֶר אַלֶעס גֶעלֶערְנְט אוּן דִי תּוֹרָה וָואלְט מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט בַּיי אִים.

**וְאִיתָא מָשָׁל עַל הַלּוֹמֵד וְשׁוֹכֵחַ**, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ מָשָׁל אִין מֶדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה יט, ב), **שֶׁשָּׂכְרוּ אֲנָשִׁים לְמַלֹּאת חָבִיּוֹת**, מֶען הָאט אַמָאל גֶעדִינְגֶען מֶענְטְשְׁן אָנְצוּפִילְן פֶּעסֶער, **וְהֶחָבִיּוֹת הָיוּ נְקוּבִים**, אוּן דִי פֶּעסֶער הָאבְּן גֶעהַאט לֶעכֶער, **וְכָל מַה שֶּׁהָיוּ שׁוֹפְכִין לְתוֹךְ הֶחָבִיּוֹת נִשְׁפַּךְ לַחוּץ**, וִויפִיל וַואסֶער מֶען הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי פֶּעסֶער, אִיז אַלֶעס אַרוֹיס גֶערִינֶען, **וְהַטִּפְּשִׁים אָמְרוּ**: הָאבְּן דִי טִפְּשִׁים גֶעזָאגְט, **הוֹאִיל וְחוֹזֵר וְנִשְׁפָּךְ לַחוּץ**, וִויבַּאלְד עֶס רִינְט אַרוֹיס, **לָמָּה לָנוּ לִיגַּע וּלְמַלֹּאת**, פַארְוָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ גֵיין מוּטְשֶׁען אָנְצוּפִילְן דִי פֶּעסֶער, מֵאַחַר שֶׁאַחַר-כָּךְ נִשְׁפָּךְ, עֶס רִינְט דָאךְ סַיי וִוי אַרוֹיס ? **אֲבָל הֶחָכָם אָמַר**, אָבֶּער דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזָאגְט, **מַה לִּי בָּזֶה**, וָואס גֵייט מִיךְ אָן אַז עֶס רִינְט אַרוֹיס ? **הֲלֹא פּוֹרְעִין לִי עַל הַיּוֹם**, מֶען צָאלְט מִיר אוֹיף דִי צַייט וָואס אִיךְ פִיל אָן דִי פֶּעסֶער, **וּשְׂכָרִי לֹא יְקֻפַּח מִכָּל**

יוֹם וָיוֹם, כִּי אֲנִי מֵשְׂכָּר לְיָמִים וּמַה לִּי אִם נִשְׁפָּךְ, וָואס גֵייט מִיר אָן אַז עֶס רִינְט אַרוֹיס?!

כָּךְ אַף-עַל-פִּי שֶׁשּׁוֹכֵחַ לִמּוּדוֹ, שְׂכָרוֹ לֹא יְקֻפַּח מִכָּל יוֹם וְיוֹם, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען פַארְ'ן לֶערְנֶען אוּן פַארְ'ן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען גֶעדֶענְקְט אָדֶער מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען גֶעלֶערְנְט.

## דוּ גֵייסְט בַּאקוּמֶען שְׂכַר!

מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוַואכֶע מֹחַ, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס אִיךְ לֶערְן!" "וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְגֶעס סֵיי ווִי אַלֶעס?!" דֶערְפַאר לָאזְן מֶענְטְשְׁן אָפּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז, אֲפִילוּ דוּ פַארְגֶעסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, גֵייסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר יֶעדֶע מָאל וָואס דוּ לֶערְנְסְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ סֵיי ווִי גָארְנִישְׁט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אָנְהַאלְטְן, יֶעדֶע מָאל לָאז אִיךְ אָפּ אִינְמִיטְן', אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז, וָואס גֵייט דִיךְ אָן אַז עֶס רִינְט אַרוֹיס, וָואס גֵייט דִיךְ אָן אַז צוּם סוֹף לָאזְטוּ אָפּ? אוֹיף וָואס דוּ טוּסְט גֵייסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר!

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

וְדַע, זָאלְסְט וויסְן, שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ, אַזוֹי אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן תּוֹרָה פוּנֶעם אֶמֶת'עֶר צַדִּיק אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט זַיינֶע רֵייד, לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ, וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת, וַוייל דֶער עִיקָר

וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה, אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַשְׁרֵי הַמְּבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה, ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין נְשָׁמָה זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

## אִיךְ בִּין יֶעצְט פְּרִישׁ גֶעבוֹירְן

וָואס מִיר דַארְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען אִיז, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְדָאסְנֵיי, עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, צִי אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּן אָדֶער אַזוֹי טוּן, אִיךְ בִּין יֶעצְט פְּרִישׁ גֶעבוֹירְן, אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט צוּ טוּן.

## עֶס גֵייט זַיין גוּט

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַלְץ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיטְ'ן עָבַר, אַזוֹי וִוי דִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּערָאל וואו עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי' - 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, אוּן 'וְהָיָה' - 'עֶס וֶועט זַיין', אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָאס מַסְבִּיר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז מֶען קוּקְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן צַעַר, דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט', אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן - הָאט מֶען דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער 'וְהָיָה' - אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט: עֶס גֵייט זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, - אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ.

אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ אַ צָרָה, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה וְכַדוֹמֶה, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט, מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה צום גוטְן, 'אֵיי, אֶפְשָׁר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶועןן?' אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה: "וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה", אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, הָאט מִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִין דֶעם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת מְבָרְכִים: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָּה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

## הַשְׁמָטָה פוּן קוּנְטְרֵס 'אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל', סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת קֹרַח שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שְׁמוּעֶס:

יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, מֶען זָאל קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ', אַ אִינְגֶערְמַאן וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער פוּנֶעם דָאקְטֶער צִי מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען אַן אוֹיג פוּן זַיין קִינְד, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ, דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען נֶעמְט אַרוֹיס אוּן מֶען לֵייגְט עֶס נָאכְדֶעם צוּרִיק... אַרוֹיס גֶענוּמֶען אִיז אַרוֹיס גֶענוּמֶען; אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ דַאוֶוענֶען, נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר לֵיצָנוּת, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי לַאנְגֶע דַאוֶוענֶען, קֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע חָצֵר, אָבֶּער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קוּם אִיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ קוּם בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר מַיין שָׁכֵן אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז מֶען פַארְנוּמֶען בִּשְׁעַת צָרָה נָאר מִיט "וָואס זָאגְט דֶער דָאקְטֶער?" אָבֶּער בַּיי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַז עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה, הָאט עֶר אַן עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן א) אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶוענֶען פַארְשֶׁעמֶען זִיךְ אַלֶע דָאקְטוֹירִים מִיט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת, זֵיי זָאגְן אַז מֶען דַארְף טוּן דָאס אוּן דָאס, בִּיזְוֶוערְוַוייל הֵיילְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיס דוּרְךְ תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת י:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ לח, ג): "וְהַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי", אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְּאוּלָּה לִתְפִלָּה אוּן בַּאהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר רְפוּאוֹת. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן צוּזַאמֶען, דוּרְכְדֶעם וָואס חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען 'גְּאוּלָּה לִתְפִלָּה', דָאס מֵיינְט, עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז מֶען קֶען וֶוערְן 'אוֹיסְגֶעלֵייזְט' דוּרְךְ 'תְּפִלָּה', מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִינֶען, מֶען

קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן דֶעם ׳סֵפֶר רְפוּאוֹת׳, אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין רְפוּאוֹת, בְּלוֹיז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע קְרֶענְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין נָאר שִׂמְחוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.